**How do you become a poet? By Morris Winchevsky**
**(First published in Yiddish: *Der arbayter fraynd*, 1889)**

I was always doubtful about the story of God appearing to King Solomon and asking him what he wanted. I know you shouldn't blaspheme, but this story strikes me as a bit of a tall tale. I'd like to believe it but I don't. All I can say is this: If God came to me today and asked me what I wanted, I'd only ask him to make me a poet. Solomon had been a poet since he was a child, but he wanted to be a sage, a philosopher. God fulfilled his wish and made him a philosopher, so the poet of the Song of Songs became the author of Ecclesiastes. For me, it's the other way round. I've been a philosopher from childhood (as evidence of this, let me tell you that from the age of thirteen, I tried not praying!), but from being a philosopher I would like to become a poet. I wouldn't be timid and would say to God: merciful father, I have enough wisdom, make me sing; I have philosophy, give me poetry.

And if he fulfils my wish, like they say he granted Solomon's request, then ah… with my poems I would comfort broken hearts and strengthen exhausted hands. My voice would raise up the fallen and straighten those bowed down. I would cheer up the despondent and enliven the miserable. I would sweeten the life of those embittered and encourage the faint-hearted!

With my poetry I would give the oppressed courage and joy in life to those languishing. I would give the lonely friendship and defend those abandoned. I would console widows and stand orphans on their feet. I would make my poem a jubilant cry and my pen a powerful sword, and my verse would break the chains of tyranny, like our ancestors felled the walls of Jericho with their ram's horns – if that's really true.

Greek legend tells us that the Thracian musician Orpheus had such amazing musical powers that he could tame wild animals and pacify lions and tigers with his song. The story is probably exaggerated, and maybe it's all just a lie, but to be such a singer must be divine! I'd be satisfied with less. I'd be happy with the lesser power of poetry but I would also perform wonderful deeds.

I would sing for those that are shackled in chains of money and transform their chains into cobwebs like the ropes that bound the mighty Samson. I would raise my voice to support those who are indentured and hire out their bodies, the overworked and worn out who want to become free, happy and strong. With my poetry I would give them all courage and hope for victory. I would not rock them to sleep, as other poets do. I want my poetry to encourage them to fight for freedom.

So how do you become a poet? Just think of the present. Think of what's happening now in London. English and Jewish workers who are denounced, misrepresented and silenced are opening their mouths, standing up straight and coming to their senses. It's flammable stuff. It's endless and immeasurable and only missing a spark. Just one tiny spark could ignite hundreds of thousands of hearts which are warm, but not yet hot enough. Who will bring that spark? No humdrum person. What's missing is an inspired poet who can inspire other people.

What if I were that person? Tell me, good, dear reader: What if I were that person? If for just twenty-four hours I could be such a poet, the spark-bringer, the igniter of the holy fire, and then, when needed, burn in the fire itself.

Every beggar can have a fine life; what is enviable is to die well, like Rouget de Lisle. A man who composes a Marseillaise before dying dies better than a Jay Gould who makes millions of dollars and lives. And then… wait a minute, I'll tell you a story:

This evening, I came in from the street very thirsty and tired. "What are you drinking?" I asked my grandson. "Let's make tea," he said and went and brought the gas burner and the kettle and matches. I put on the water to heat up and waited impatiently for it to boil. It proved (if I can make a passing comment), that hunger or thirst tests the patience even of a philosopher. In short I waited very impatiently as five minutes passed.

"What's happened to the water?"

"It's warm," said my grandson.

"Warm, warm is not enough."

I waited. Never has time taken so long to pass as now. After another four or five minutes I asked:

"What now?"

"It's hot now," said my grandson.

"Hot, hot is not enough."

I waited. A few minutes later, I impatiently picked up the evening paper and read the latest on the different arguments in the debate around the Great Strike.

"Granddad, the kettle is hissing," said my grandson.

"Hissing, hissing is not enough, it must boil. Have you seen, my boy, what is happening in London today?"

"What with the dock strike?" he asked.

"Yes," I said, "with the workers – at first it was cold, then it got warmer, then hot. Now it is hissing, but it isn't boiling yet."

“It’s hissing, but it’s not boiling yet,” the youngster repeated lost in thought. He didn’t understand what I meant. Do you?

*How Do You Become a Poet by Morris Winchevsky, translated by Vivi Lachs. From East End Jews: Sketches from the London Yiddish Press.* *© Vivi Lachs, 2025. Used by permission of Wayne State University Press.*

**Nokh amol: vi vert men a dikhter**

**Fun Morris Winchevsky**

***Der arbayter fraynd*, 1889**

Bay mir iz eybik geven a sofek vegn gots kumen tsu shloyme-hamelekh un zayn fregn im, vos er vil. Men zol nit zindikn mit di reyd – ober di mayse kumt mir far epes tsu hametne: es vilt zikh gloybn un es gloybt zikh nit. Nor azoy fil meg ikh aykh zogn: loz hayntikn tog tsu mir kumen got un mikh fregn, vos ikh vil, volt ikh bay im nur gebetn, az er zol mikh makhn far a poet. Shloyme hot gevolt zayn a khokhem, a filozof, vayl a dikhter iz er fun kindvayz oyf geven, got hot derfilt zayn vuntsh un hot im gemakht far a filozof: Der dikhter fun shir-hashirim iz gevorn der mekhaber fun koyheles. Bay mir iz di mayse farkert: ikh bin a filozof geven fun kindvayz oyf (vehoraye ikh hob shoyn tsu draytsn yor prubirt nit davenen!) un mir volt zikh veln vern fun a filozof a poet. Ikh volt zikh farn reboyne shel oylem gor nit geshemt un volt im gezogt: foter, baremhartsiker, klug bin ikh genug, makh az ikh zol kenen zingen; filozofye hob ikh, gib mir poezye!

Un ven er volt derfilt mayn vuntsh vi men zogt az er hot derfilt shloymes bakoshe, dan… o, dan volt ikh mit mayne lider getreyst di tsebrokhene hertser un volt geshtarkt di oysgematerte hent; mayn shtime volt oyfgehoybn di gefalene un volt glaykh gemakht di geboygene; ikh volt derfreyt di fartsogte un volt baloykhtn di farshvartste; ikh volt farzist dem lebn fun di farbiterte un volt oyfgemuntert di mutloze!

Ikh volt mit mayne lider di unterdrikte ayngegebn mut un di farshmakhte lebnslust; ikh volt di elende bafrayndet un di farlozene geshitst; ikh volt getroyst almones un volt yesoymim geshtelt oyf di fis; ikh volt mayn lid gemakht far a yuvl-shal un mayn feder far a mekhtikn degn un volt mit mayn gezang ayngebrokhn di festungn fun di tiranay, vi undzere eltern hobn mit zeyere shoyfres geshtirtst di moyern fun yerikhe – oyb dos iz emes.

Di grikhishe legende dertseylt az der trakisher[1] zinger orfeus hot gehat aza gevaldikn koyekh in muzik, az er flegt tsam makhn vilde khayes un flegt aynnemen leybn un tigern mit zayn zisn gezang. Di legende iz vorshaynlekh megazem, efsher iz zi gor a lignerke, ober aza zinger tsu zayn muz zayn himlish! Ikh volt zikh banugenen mit veyniker, ikh volt tsufridn geven mit a klenerer makht in der poezye un volt oykh oyfgeton vunderbare tatn.

Ikh volt gezungen far di vos zaynen geshmidt in gelt keytn un fun di keytn volt gevorn shpinvebs vi fun di shtrik oyf shimshen hagiber; ikh volt derhoybn mayn kol far

[1] Thracian

di farkoyfte un fardungene, di oysgehorevete un oysgemutshete un zey voltn gevorn fray, munter un shtark; ikh volt zey alemen ayngegebn mit mayn gezang mut un hofenung oyfn zig. Ikh volt zey nit ayngelyulyet tsum shlofn, vi andere dikhter ton, ikh volt zey mit mayne lider oyfgemuntert tsum bafrayungs-shtrayt.

O, vi vert men a dikhter! Batrakht nor haynt, batrakht vos es tut zikh in london. Englishe un yidishe arbeter – fardumte, farkrumte, farshtumte arbetslayt efenen di mayler, glaykhn zikh oys un kumen tsum-seykhl. Bren-materyal on a shir un on an erekh. Vos felt? A funk. Eyn eyntsiker kleyner funk ken ontsindn hundert toyznt hertser, velkhe zaynen varem ober nokh nit heys genug. Ver zol dem funk brengen? Keyn prozeyisher mentsh! Do felt a bagaysterter dikhter, velkher zol kenen bagaystern.

Vi ver ikh er? Zogt mir, gute, kluge, libe lezer: Vi ver ikh er? Nor oyf eyne fir-un-tsvantsik shtundn volt ikh veln aza dikhter zayn, dem funk brengen, dos heylike fayer ontsindn, un dan, ven neytik, in dem fayer aleyn farbrent vern.

Sheyn lebn ken yeder lump; banaydnsvert iz – sheyn tsu shtarbn. Ver es makht a marselyeze un shtarbt vi ruzhe-de-lil, shtarbt shener, vi a dzhey guld, velkher “makht” milyonen doler un lebt. Un dan… vart a vaylinke, ikh vel aykh dertseyln a mayse:

Haynt far nakht bin ikh gekumen fun gas zeyer dorshtik un mid. “Vos trinkt men?” zog ikh tsu mayn eynikl. “Lomir makhn te”, zogt er, un geyt un brengt mir di spiritus-mashinke un dem kestele mit di shvebelekh. Ikh hob tsugeshtelt vaser onvaremen un hob gevart mit der grester umgeduld, az es zol onheybn tsu kokhn… Dos bavayzt, lomikh farbaygeyendik bamerkn, az bay hunger oder dursht farlirt afile a filozof di geduld… bekitser, ikh hob gevart zeyer umgeduldik. Es zaynen fargangen finf minut.

“Vos hert zikh mit dem vaser?”

“Es iz shoyn varem”, zogt mayn eynikl.

“Varem? Varem iz nit genug.”

Ikh hob gevart: keynmol iz mir di tsayt nit azoy lang geven vi itst. Nokh fir-finf minut zaynen fargangen.

“Vos itst?”

“Es iz shoyn heys”, zogt mayn enyikl

“Heys? heys iz nit genug.”

Ikh hob gevart. A por minutn shpeter hob ikh far umgeduld arayngenumen an ovnt-blat in der hant un hob genumen leyenen di letste nakhrikhtn vegn dem groysn strayk.

“Zeyde, di vaser hudzhet shoyn”, zogt mayn eynikl.

“Hudzhet ? Hudzhet iz nit genug, es muz kokhn. Zestu, mayn kind, vos do tut zikh in london haynt?”

“Vos bay di dok straykers?” fregt er.

“Yo – zog ikh – bay di arbeter. Di bavegung iz, vi undzer kestele vaser, in onheyb nor kalt geven, nokher varem gevorn, dan heys, itster hudzhet es… ober es kokht nokh alts nit.”

“Es hudzhet ober es kokht nit,” hot der kleyner viderholt fartrakhterheyt. Er hot nit farshtanen, vos ikh meyn. Farshteyt ir?

## XV.

## נאָך אמאָל: ווי ווערט מען אַ דיכטער!

ביי מיר איז אייביג געווען אַ ספק וועגן גאָט'ס קומען צו שלמה־המלך און זיין פרעגען איהם, וואָס ער וויל. מען זאָל ניט זינדיגען מיט די רייד — אָבער די מעשה קומט מיר פאָר עפּעס צו האַמעטנע: עס ווילט זיך גלויבען און עס גלויבט זיך ניט. נאָר אַזוי פיעל מעג איך אייך זאָגען: לאָז היינטיגען טאָג צו מיר קומען גאָט און מיך פרעגען, וואָס איך וויל, וואָלט איך ביי איהם נור געבעטען, אַז ער זאָל מיך מאַכען פאַר אַ פּאָעט. שלמה האָט געוואָלט זיין אַ חכם, אַ פילאָזאָף, ווייל אַ דיכטער איז ער פון קינדהוייז אויף געווען; גאָט האָט ערפילט זיין וואונש און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פילאָזאָף: דער דיכטער פון שיר־השירים איז געוואָרען דער מחבר פון קהלת. ביי מיר איז די מעשה פערקעהרט: איך בין אַ פילאָזאָף געווען פון קינד־הוייז אויף (והראיה, איך האָב שוין צו דרייצעהן יאָהר פּרובירט ניט דאַווענען!) און מיר וואָלט זיך וועלען ווערען פון אַ פילאָזאָף אַ פּאָעט. איך וואָלט זיך פאַר'ן רבונו של עולם גאָר ניט געשעהמט און וואָלט איהם געזאָגט: פאָטער, באַרמהאַרציגער, קלוג בין איך גענוג, מאַך אַז איך זאָל קענען זינגען; פילאָזאָפיע האָב איך, גיב מיר פּאָעזיע!

און ווען ער וואָלט ערפילט מיין וואונש ווי מען זאָגט אַז ער האָט ערפילט שלמה'ס בקשה, דאַן... אָה, דאַן וואָלט איך מיט מיינע לידער געטרייסט די צובראָכענע הערצער און וואָלט געשטאַרקט די אויסגעמאַטערטע הענד; מיין שטימע וואָלט אויפגעהויבען די געפאַלענע און וואָלט גלייך געמאַכט די געבויגענע; איך וואָלט דערפרעהט די פערצאַגטע און וואָלט בע־

לויכטען די פערשוואַרצטע; איך וואָלט פערזיסט דעם לעבען פון די פערביטערטע און וואָלט אויפגעמונטערט די מוטהלאָזע!

איך וואָלט מיט מיינע ליעדער די אונטערדריקטע איינגע־געבען מוטה און די פערשמאַכטע לעבענסלוסט; איך וואָלט די עלענדע בעפריינדעט און די פערלאָזענע געשיצט; איך וואָלט געטרויסט אלמנות און וואָלט יתומים געשטעלט אויף די פיס; איך וואָלט מיין ליעד געמאַכט פאַר אַ יובעל־שאַלל און מיין פעדער פאַר אַ מעכטיגען דעגען און וואָלט מיט מיין געזאַנג איינגעבראָכען די פעסטונגען פון די טיראַניי, ווי אונזערע עלטערן האָבען מיט זייערע שופרות געשטירצט די מויערען פון ירחו — אויב דאָס איז אמת.

די גריכישע לעגענדע דערצעהלט אז דער טראַקישער זינ־גער אָרפעאוס האָט געהאַט אזא געוואַלטיגען כוח אין מוזיק, אז ער פלעגט צאַהם מאַכען ווילדע חיות און פלעגט איינגעהמען לייבען און טיגערען מיט זיין זיסען געזאַנג. די לעגענדע איז וואהרשיינליך מגזם, אפשר איז זי גאָר אַ ליגנערקע, אָבער אזא זינגער צו זיין מוז זיין הימליש! איך וואָלט זיך בענוגענען מיט ווייניגער, איך וואָלט צופריעדען געווען מיט אַ קלענערע מאַכט אין דער פּאָעזיע און וואָלט אויך אויפגעטאָן וואונדער־באַרע טהאַטען.

איך וואָלט געזונגען פאַר די וואָס זיינען געשמידט אין געלד־קייטען און פון די קייטען וואָלט געוואָרען שפינוועבס ווי פון די שטריק אויף שמשון הגבור; איך וואָלט ערהויבען מיין קול פאַר די פערקויפטע און פערדונגענע, די אויסגעהאָרעוועטע און אויסגעמוטשעטע און זיי וואָלטען געוואָרען פריי, מונטער און שטאַרק; איך וואָלט זיי אַלעמען איינגעגעבען מיט מיין געזאַנג מוטה און האָפנונג אויפ'ן זיעג. איך וואָלט זיי ניט איינגעלולט צום שלאָפען, ווי אנדערע דיכטער טוען, איך וואָלט זיי מיט מיינע ליעדער אויפגעמונטערט צום בעפרייאונגס־שטרייט.

אָה, ווי ווערט מען אַ דיכטער! בעטראַכט נור היינט, בע־טראַכט וואָס עס טוהט זיך אין לאָנדאָן. ענגלישע און אידישע

ארבייטער — פערדרומטע, פערקרוממע, פערשטומטע ארבייטס־לייט עפענען די מיילער, גלייכען זיך אוים און קומען צום־שכל. ברענ־מאטעריאל אהן א שיעור און אהן אן ערך. וואס פעהלט? א פונק. איין איינציגער קליינער פונק קען אנצינדען הונדערט טויזענד הערצער, וועלכע זיינען ווארעם אבער נאך ניט הייס גענוג. ווער זאל דעם פונק ברענגען? קיין פראזאאישער מענש! דא פעהלט א בעגייסטערטער דיכטער, וועלכער זאל קענען בע־גייסטערען.

ווי ווער איך ער? זאגט מיר, גוטע, קלוגע, ליעבע לעזער: ווי ווער איך ער? נור אויף איינע פיער־און־צוואנציג שטונדען וואלט איך וועלען אזא דיכטער זיין, דעם פונק ברייננען, דאס הייליגע פייער אנצינדען, און דאן, ווען נויטיג, אין דעם פייער אליין פערברענט ווערען.

שעהן לעבען קען יעדער לומפ; בעניידענסווערטה איז — שעהן צו שטארבען. ווער עס מאכט א מארסיילעזע און שטארבט ווי רוזשע־דע־ליל, שטארבט שענער, ווי א דזשיי גולד, וועלכער „מאכט“ מיליאנען דאלאר און לעבט. און דאן... ווארט א ווייל ינקע, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה:

היינט פאר־נאכט בין איך געקומען פון גאס זעהר דורשטיג און מיעד. „וואס טרינקט מען?“ זאג איך צו מיין אייניקעל. „לאמיר מאכען טהע“, זאגט ער, און געהט און בריינגט מיר די שפירימוס־מאשינקע און דעם קעסעלע מיט די שוועבעלעך. איך האב צוגעשטעלט וואסער אנווארעמען און האב געווארט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, אז עס זאל אנהויבען צו קאכען... דאס בעווייזט, לאמיך פארבייגעהענדיג בעמערקען, אז ביי הונגער אדער דורשט פערלירט אפילו א פילאזאף די געדולד... בקיצור, איך האב געווארט זעהר אונגעדולדיג. עס זיינען פערגאנגען פינף מינוט.

„וואס הערט זיך מיט דיא וואסער?“
„עס איז שוין ווארם“, זאגט מיין אייניקעל.
„ווארם? ווארם איז ניט גענוג.“

איך האָב געוואָרט: קיינמאָל איז מיר די צייט ניט אזוי לאַנג געווען ווי איצט. נאָך פיער־פינף מינוט זיינען פערגאַנגען.
„וואָס איצט?"
„עס איז שוין היים", זאָגט מיין אייניקעל.
„היים? היים איז ניט גענוג."
איך האָב געוואַרט. אַ פּאָאר מינוטען שפּעטער האָב איך פאר אונגעדולד ארייגגענומען אן אָבענד־בלאַט אין דער האַנד און האָב גענומען לייענען די לעצטע נאַכריכטען וועגען דעם גרויסען סטרייק.
„זיידע די וואַסער הויזשעט שוין", זאָגט מייז אייניקעל.
„הויזשעט? הויזשענען איז ניט גענוג, עס מוז קאָכען. זעהסטו, מיין קינד, וואָס דאָ טהוט זיך אין לאָנדאָן היינט?"
„וואָס ביי די דאָק סטרייקערס?" פרעגט ער.
„יאָ — זאָג איך — ביי די ארבייטער. די בעוועגונג איז, ווי אונזער קעסעלע וואַסער, אין אָנהויב גאָר קאַלט געווען, נאָכ־הער וואַרעם געוואָרען, דאַן היים, איצטער הויזשעט עס... אָבער עס קאָכט נאָך אַלץ ניט."
„עס הויזשעט, אָבער עס קאָכט ניט," האָט דער קליינער ווידערהאָלט פערטראַכטערהייט. ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס איך מיין. פערשטעהט איהר?